ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתקנ"ז
חג הסוכות
שנת תשפ"ז לפ"ק

ח׳ לה) עס דערציילט אונזער זיידע

**כ"ק אדמו"ר מקיוויאשד שליט"א**

## פושט צורה ולובש צורה

מיין טאטע **כ"ק אדמו"ר הגה"צ מקיוויאשד** ז"ל פלעגט כסדר גיין צום רבי'ן ז"ל אין אלטן ביהמ"ד צו די תפילות, ליל שב"ק ביז נאך קידוש, שלש סעודות ביי די תורה. ובפרט יעדן יו"ט, צי ווען ער האט געדאווענט ביי זיין טאטן - **הגה"צ רבי דוד האלבערשטאם ז"ל מקישאנוב** - אינעם צאנזער קלויז, צי ווען ער האט געדאווענט ביים שווער **הרה"ק רבי אלעזר שפירא זלה"ה** אין קיוויאשדער ביהמ"ד. איז ער נאכדעם אריבער געקומען הערן דעם רבי'נס מוסף.

דער רבי פלעגט ארויסגיין פאר מוסף צום אפיס פון ׳ר׳ יחזקאל משמש׳. עטליכע מאל ווען מיר זענען אנגעקומען אין ביהמ"ד, האבן מיר זוכה געווען צו זעהן דעם רבי'ן ארויסגיין, עס איז געווען א פחד צו זעהן די הייליגע צורה, אנעם טלית און שטריימל, כאש להבה.

נאכדעם האט דער רבי געדאווענט מוספין, ווער עס האט נאר אמאל געהערט דעם רבי'נס **׳ומפני חטאינו׳**. די בכיות נוראות מ'קען זיך דאס נישט פארשטעלן.

ב. איינמאל שבועות, אלס קינד, האט מיך דער טאטע ז"ל מיטגענומען צום רבי'ן אין ביהמ"ד. דער רבי האט געדאווענט בלהב אש כדרכו בקודש. נאכן אויסטרעטן די הויכע שמונה עשרה, ביי ׳קוה׳ האט זיך דער רבי אויסגעדרייט און מיך געזעהן שטיין דארט נעבן טאטן. באלד האט ער זיך אנגערופן מיט זיין לעכטיגן שמייכל, ווייזנדיג אויף מיר **"ער האט שוין אוודאי קידוש געמאכט, ער האט שוין קרעפלעך אוודאי אויך געגעסן"...**

ווער עס האט מיטגעהאלטן די בכיות עטליכע מינוט פריער, ביי **׳ומפני חטאינו׳** האט זיך נישט געקענט פארשטעלן דאס יעצטיגע לעכטיגע ווערטל.

דאס איז געווען די צוויי כוחות וואס מ'האט געזעהן ביים רבי'ן, אין די זעלבע צייט וואס ער איז געווען דער מנהיג ישראל, איז ער געווען ביי זיך צובראכן אויף שברי שברים, און אזוי מיטביידע כוחות איז ער אנגעגאנגען מיט זיין עבודת ה׳ כסדר.

ח׳ לט) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר׳ אלי׳ שפיטצער ז"ל** – הכ"מ, קרית טאהש

## דבר ה׳ אשר היה אל יוא"ל

מיין טאטע הגה"ח ר׳ **מאיר משה שפיטצער** ז"ל איז געווען א ספרא רבא. אויסער זיין פאסטן אסאך יארן אלס מגיד שיעור פאר בחורים, האט ער אויך אנגענומען צו שרייבן און מגיה זיין חידושי תורה. אויך האט ער געהאט די זכי׳ אין פארשידענע תקופות צו שרייבן און מגיה זיין די חידושי תורה פון **כ"ק מרן רביה"ק** זי"ע.

מיין טאטע האט די ערשטע יארן נאך די קריג געוואוינט אין אנטווערפן און דערנאך - פון שנת תשי"א ביז תשכ"ג - אין מאנטריאל. נאך סוכות אין יאר תשכ"ג איז מיין טאטע געקומען פון מאנטריאל קיין ניו יארק, מיט'ן פלאן זיך אהערצוציען. ער איז געווען אפאר וואכן אין ניו יארק אליין אן די משפחה, ביז ער האט דא געטראפן א דירה. איך בין דעמאלטס געווען א יונגער בחור, און איך בין די גאנצע צייט מיטגעווען מיט מיין טאטן דא אין ניו יארק.

אמאל בין איך אריין מיט'ן טאטן צום **רבי'ן זלה"ה**, און זייענדיג ביים רבי'ן אין שטוב האט מיין טאטע אהינגעגעבן פאר'ן רבי'ן א לענגערע תורה פון רבי'ן וואס ער האט אפגעשריבן זייענדיג דא בצל הקודש, און דער רבי האט דאס איבערגעקוקט, און האט אויסגעדרוקט פאר'ן טאטן זיין גרויס הנאה פון די סגנון וויאזוי דער טאטע האט אפגעשריבן די תורה.

דער רבי האט דאן זייער געמיטלעך געשמועסט מיט מיין טאטן. אינמיטן דעם שמועס האט זיך דער רבי באקלאגט אז מען שרייבט נישט ריכטיג אפ זיינע תורות און ס'ווערט נישט גענוג גוט ארויסגעברענגט די תורות וואס ער זאגט.

איך געדענק אז דער רבי האט זיך דעמאלטס אויפגעשטעלט און ארויסגענומען א באנד פון די **׳שווארצע בענדער׳**, די תורות פון שנת תשכ"ב, און דער רבי האט אויפגעמישט א תורה, און מסביר געווען באריכות פאר'ן טאטן אויף א בחינה וואס עס איז דארט געדרוקט, אז ס'איז נישט ריכטיג אראפגעשריבן און ארויסגעברענגט דעם עיקר וואס ער האט געוואלט ארויסברענגען, און דער רבי האט איבערגעזאגט די ריכטיגע בחינה וואס ער האט דעמאלטס געזאגט.

איך געדענק אז דער שמועס האט זיך פארצויגן גאר לאנג, איבער א שעה, און די משמשים האבן עטליכע מאל אינדערמיט געעפענט די טיר צו זען פארוואס עס נעמט אזוי לאנג, וויבאלד עס האט געווארט אינדרויסן א גרויסער עולם אריינצוגיין צום רבי'ן.

אינמיטן דעם שמועס האט זיך דער רבי באקלאגט פאר'ן טאטן, אז ער האט נישט קיין צייט אפצושרייבן אליין זיינע תורות, און ער האט אויך נישט קיין צייט איבערצוקוקן די תורות וואס די שרייבערס שרייבן אפ.

דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט, אז דער ספר הק׳ **"ויואל משה"** האט ער אליין געשריבן, און ווען ער האט דאס געשריבן האט ער פארשפארט די טיר אז מען זאל אים נישט קענען שטערן, אבער די תורות וואס די שרייבערס שרייבן אפ האט ער נישט קיין צייט איבערצוגיין".

איך געדענק אז ווען מיין טאטע איז ארויסגעקומען פון יענעם שמועס ביים רבי'ן אין שטוב, האט ער באוואונדערט די הפלא'דיגע כח התורה פונעם רבי'ן, ווייל ווען דער רבי האט אים געוויזן די תורה וואס די כותבים האבן נישט אינגאנצן ריכטיג אפגעשריבן, האט דער רבי אים איבערגעזאגט די גאנצע בחינה וואס ער האט געזאגט ביי יענע תורה, און דער רבי האט דערביי אויך צוגעלייגט נאך בחינות וואס איז אים דעמאלטס אויפ'ן פלאץ איינגעפאלן.

ח׳ מ) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר׳ שמואל דוד סאקס שליט"א** דומ"ץ שכונת קעטסקעיד

## דבוק בקונו תמיד ובכל עת

דער משב"ק הרה"ח ר׳ **יוסף אשכנזי** ז"ל האט געהאט א ספרים געשעפט. אמאל איז ארויסגעקומען א מעשה ביכל מיט סיפורים פונעם הייליגן הרה"ק **רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זלה"ה** (פאר יצחק) ער האט געשפירט אז דער רבי וועט הנאה האבן דערפון, האט ער דאס אריבערגעברענגט צום רבי'ן.

דער רבי האט מעיין געווען דערין, אינמיטן האט דער רבי פארקלאפט דעם ספר מיט א שארפקייט, און אוועק געשטופט פון זיך מיט א צער און ווייטאג, ביזן אנדערן עק טיש. רבי יוסף האט זיך געוואונדערט וואס האט דעם רבי'ן אזוי וויי געטוהן.

זאגט דער רבי **"ער שרייבט דא אז דער הייליגער רבי אייזיק'ל איז געווען א מתמיד, א מתמיד איז דער שארמאשער רב** (הגה"ק בעל תפארת נפתלי זצ"ל) **אבער אויפן הייליגן עטרת צבי שרייבט מען אזוי?!"...**

דער רבי האט געשפירט אין דעם אויסדרוק א זלזול בגודל קדושתו, **ווייל וואס האט דען האט רבי אייזיק'ל זידיטשובער געטוהן ווען ער האט נישט געלערנט?! ער איז דאך געווען דבוק אין אייבערשטן דעם גאנצן מעת לעת מיט א שטארקע דבקות.**

ח׳ מא) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר׳ זלמן לייב שווארץ הי"ו** בני ברק

## דער ריבניצער רבי הייסט דערציילן: למען ידעו דור אחרון!

עס איז געווען עטליכע יאר נאך אונזער חתונה, מיר האבן נאכנישט זוכה געווען צו זש"ק.

מיר זענען שוין געגאנגען צו דאקטוירים, אבער זיי האבן אלע געזאגט אז זיי קענען אונז נישט העלפן. אין איינע פון די טעג האבן מיר געהערט אז עס איז ארויפגעקומען פון רוסלאנד א צדיק, א פועל ישועות, וואס ווערט גערופן **"דער ריבניצער רבי"**, און ער געפונט זיך אין בני ברק, אין די געגענט "קרית הערצאג".

הערנדיג דאס, בין איך אהינגעגאנגען צו זיין אכסניא. האט מען מיר דארט געזאגט אז ווער עס דאווענט שחרית מיט'ן רבי'נס מנין - דאס מיינט גאר שפעט נאכמיטאג - נאכ'ן דאווענען קען מען אריינגיין צום רבי'ן מיט א קוויטל. איך האב טאקע איין טאג געדאווענט שחרית מיט'ן ריבניצער רבי'ן. נאכ'ן דאווענען האב איך זיך געשטעלט אין די רייע מיט מיין קוויטל.

דער גאנצער ציבור איז אריבער אין א שורה, עס איז נישט שייך געווען צו רעדן צום רבי'ן פריוואט. היות איך האב זיך געשעמט מזכיר צו זיין מיין הזכרה בקול רם, האב איך זיך צוגעבויגן צום רבי'ן און אריינגערוימט אין אויער מיין בקשה. דער רבי האט מיר צוריק געענטפערט שטילערהייט און אויסגעפרעגט אלע פרטים, און אזוי האב איך געענטפערט, ביז דער רבי האט מיר געזאגט, "איך פאר קיין ירושלים, קום צו מיר דארט, איך וועל דארט רעדן צו דיר". און אזוי האב איך געטון.

ב. עס איז געקומען פורים. יענעם שושן פורים בין איך ארויפגעפארן קיין ירושלים כדי צו זיין בצל הקודש פונעם ריבניצער רבי'ן. אינמיטן די סעודה האט זיך דער רבי אנגערופן: **"פולט אן דעם קווארט מיט וויין!"** מען האט אנגעפילט דעם גאנצן קווארט מיט וויין, און דער ריבניצער רבי האט אלעס אויסגעטרונקען. אויפן טיש איז אויך געווען א פלאש סאדע, ווען דאס פלעשל איז ליידיג געווארן, האט זיך געהערט א גערודער (ווי די אמאליגע סעלצער פלעשער וואס די 'געז' פלעגט מאכן א רעש'). האט זיך דער רבי אנגערופן: **"דער איז א ליידאק! אראפ פון טיש!"**

עס איז געווען זייער פרייליך ביים טיש. איך האב געשפירט אז יעצט איז אן עת רצון. דער ציבור האט זיך געשטעלט אין די רייע נעמען ברכות, היות איך האב געשפירט אז דער רבי קען מיך שוין, בין איך צוגעגאנגען און געזאגט: "דער רבי זאל מיר צוזאגן א קינד." ווי נאר דער ריבניצער רבי האט געהערט די ווערטער, האט ער ארויפגעלייגט זיין הייליגע האנט אויף די אויגן, און ער האט געווארפן דעם קאפ און הויך אויסגערופן: **"איר הערט וואס ער בעט?! ער בעט איך זאל אים צוזאגן א קינד. איך קען אים צוזאגן? וואס וויל ער פון מיר?!"**

איך האב דעמאלט געשפירט ווי די ערד אונטער מיר עפנט זיך. איך האב זיך אומגעקוקט פון אלע זייטן, זיכער צו מאכן אז קיינער פון מיינע באקאנטע זענען נישט דא מחמת גרויס בושה. דער טיש איז ווייטער געגאנגען כאילו לא היה, מ'האט זיך שפעטער געשטעלט טאנצן. איך האב זיך זייער שטארק געוואלט נאכאמאל מזכיר זיין. איך האב געטראכט, אויב דער רבי וועט מיך נאכאמאל אנשרייען, וועל איך אים זאגן, "רבי! דער רמב"ם פסק'נט, פורים איז כל הפושט יד נותנין לו."

איך בין צוגעגאנגען צו דער וואס האט אנגעכאפט דעם רבי'ן ביים טאנצן, און איך האב אים געזאגט "איך האב א גרויסע בקשה וואס איך וויל מזכיר זיין, לאז מיך אנכאפן דעם רבי'ן", יענער האט מיך צוגעלאזט.

יענע רגע וואס איך האב אנגעכאפט דעם רבי'נס האנט, האט ער מיך אנגעקוקט מיט א שארפן בליק. איך האב זיך דערשראקן, אבער איך האב באשלאסן, יעבור עלי מה, און איך האב אים נאכאמאל געזאגט **"דער רבי זאל מיר צוזאגן א קינד."** דער רבי האט מיך נאכאמאל אנגעקוקט, און ער האט מיר געענטפערט הויך אויפ'ן קול, **"אוודאי, כל הפושט יד נותנין לו."**

איך בין געווען ווי פארגליווערט פון די אפענע ווערטער. עס האט מיר באפאלן אזא פחד אז איך האב געמאכט פליטה אן קענען ארויסזאגן א ווארט...

איך בין אהיימגעקומען קיין בני ברק. איך בין אריינגעקומען אין שטוב און געזאגט פאר מיין רביצין תחי' **"מיר זענען שוין געהאלפענע"**.

ממחרת היום בין איך צוריקגעפארן קיין ירושלים. איך בין אריין צום ריבניצער רבי'ן. איך האב גארנישט געזאגט און גארנישט דערמאנט וואס עס איז נעכטן געווען. איך האב געשריבן אין קוויטל מיין נאמען מיט מיין אידענעס נאמען. און דער רבי קוקט אריין אין קוויטל און ער שמייכלט, **"וויפיל מאל דארף איך אייך צוזאגן?!"**... האב איך געענטפערט "רבי, מיר גלייבן באמונה שלימה אזוי וועט זיין. אבער מיין בני בית האט געבעטן איך זאל קומען מיט א קוויטל."

מיר האבן ב"ה געזען א ישועה. איך בין צוריק צום רבי'ן און געפרעגט צי מיר זאלן ווייטער גיין צום דאקטאר. זאגט דער רבי, "יא, אבער בעפאר איר גייט צום דאקטאר זאלט איר קומען צו מיר." און ער האט צוגעלייגט, "ברענגט מיר נישט קיין געלט".

אינצווישן פרעגט מיר דער רבי, "וואס איז אייער משפחה נאמען?" האב איך געענטפערט, "שווארץ". זאגט דער רבי, **"שווארץ, ס'זאל זיין ווייס"**.

אין יענע צייט זענען נאך ווייניג מענטשן געקומען צום ריבניצער רבי'ן, אבער היות איך האב אנגעהויבן צו קומען צום רבי'ן מידי חודש בחדשו, האב איך געזען ווי דער ציבור ווערט גרעסער און לענגער, און דעמאלטס האב איך זיי דערמאנט. אז דער רבי ווייסט דאך שוין דעם נאמען, האב איך געזאגט פאר'ן גבאי'ן אז ער זאל זאגן פארן רבי'ן אז 'שווארץ' איז דא. דער גבאי איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן, ער זאגט, "שווארץ איז דא." און ער איז ארויסגעקומען און ער האט געזאגט, "דער רבי רופט אייך." איך בין אריינגעקומען, דער רבי האט מיר אויסגעפרעגט, און ער זאגט מיר "דו קענסט גיין." אזוי איז געווען עטליכע מאל.

בחסדי ה' איז אונז געבוירן געווארן א טאכטער. מיר זענען דערויף געפארן צום רבי'ן מיט די טאכטער און דערציילט אז ב"ה מיר זענען געהאלפן געווארן מיט א טאכטער. דער רבי האט געלאכט און געזאגט **"איך האב געמיינט איך וועל אויך האבן עפעס פון דעם"**... ווייל דער רבי איז געווען א מוהל, און ער האט געוואלט זיין מוהל ביים ברית.

א צייט שפעטער בין איך אריין צום ריבניצער רבי'ן און געבעטן אז דער רבי זאל מיר צוזאגן א בן זכר. ער האט מיר געגעבן א ברכה פאר א בן זכר.

אין יענע תקופה האט זיך דער ריבניצער רבי געצויגן קיין אמעריקע. איך האב דעמאלטס געהאט פראבלעמען מיט די מיליטער, און מ'האט מיך כסדר גערופן איך זאל זיך נאכאמאל שטעלן, בין איך געפארן קיין אמעריקע עד יעבור זעם.

איך בין דארט אריין מיט א קוויטל, און מזכיר געווען פאר א בן זכר. דער ריבניצער רבי קוקט אין קוויטל און ער פרעגט מיר, **"אז עס וועט זיין א מיידל וועסטו עס נישט צונעמען?"** האב איך געענטפערט, "אוודאי וועל איך עס נעמען."

איך בין אהיימגעגאנגען און געזאגט "מזל טוב! די צווייטע וועט אוודאי אויך זיין א מיידל." וכך הוה, ו' אדר תשל"ה איז געבוירן געווארן אונזער צווייטע טאכטער.

יענעם יאר פורים בין איך געפארן קיין בארא פארק, איך בין געגאנגען צום רבי'נ'ס טיש. איך האב געטראכט, איך האב שוין צוויי טעכטער, יעצט וועל איך שטיין אין די זייט, איך גיי שוין נישט מוטשענען דעם רבי'ן.

מען האט אנגעהויבן צו טאנצן, אינמיטן האט דער רבי שטיל געמאכט דעם עולם, דער רבי רופט מיך צו. איך האב מיך זייער דערשראקן "וואס האב איך שוין געטון אז דער רבי רופט מיך?!", דער רבי זאגט "דער יונגערמאן האט מיט מיר א דין תורה."

איך בין געווען זייער פארלוירן, איך האב נישט געהאט קיין שום טענה קעגן דעם רבי'ן. דער רבי שרייט "איך האב דיר געהייסן רעדן!" בלית ברירה האב איך געזאגט "איך האב א דין תורה מיט'ן רבי'ן! דער רבי האט מיר צוגעזאגט א יונגל, ס'איז געבוירן געווארן א מיידל!".

דער גאנצער עולם האט אויסגעשאסן א געלעכטער, און דער רבי האט זיך אויך צושמייכלט. און דער רבי זאגט ווייטער **"נו, וואס זאגט עטס? ווער איז גערעכט?"** דער גאנצער עולם האט אנגעהויבן צו שרייען, "דער רבי זאל אים בענטשן אז ער זאל האבן א יונגל." האט דער רבי געזאגט **"איך וויל זיין מוהל ביים ברית."** און איך האב צוגעזאגט.

בחסדי ה' איז מיר געבוירן געווארן א יונגל, איך האב מיך תיכף פארבינדן צום רבי'נ'ס שטוב, און איך האב געבעטן מ'זאל זאגן פאר'ן רבי'ן אז דער רבי האט געזאגט אז ער וויל זיין מוהל. האט מיר דער גבאי געזאגט אז דער רבי גייט נישט קענען קומען צום ברית, און דער רבי האט געזאגט אז איך זאל זאגן פאר'ן מוהל אז ער איז דער רבי'נ'ס שליח. און אזוי האב איך געטון.

בע"ה האב איך זוכה געווען צו א הערליכע משפחה בנים ובנות, מכח ברכתו של אותו צדיק.

ב. מדי דברי בו, ווען מיין עלטסטע טאכטער איז אנגעקומען אין די יארן פון שידוכים, האט מען אנגעטראגן א שידוך מיט א חשוב'ן בחור וואס הייסט 'ווייס'. האב איך זיך דעמאלטס דערמאנט, דער רבי האט געזאגט 'שווארץ זאל זיין ווייס'. האב איך געזאגט פאר מיין אשת חיל "ביז יענער בחור ווערט נישט קיין חתן, הער איך נישט אויס קיין אנדערע שידוכים".

עס איז אריבער עטליכע וואכן, דער שידוך איז אבער דאך נישט געווארן. בין איך אריבערגעפארן צו **כ"ק הרה"ק ר' משה ארי' פריינד זלה"ה גאב"ד ירושלים**, פרעגן מען טראגט מיר אן א גוטן בחור, איך וויל שטארק די שידוך, אבער עס גייט נישט ווייטער. זאל איך ווארטן אדער איך זאל אויסהערן אנדערע שידוכים? (איך האב אים גארנישט געזאגט וועגן די מעשה מיט'ן ריבניצער רבי'ן).

האט מיר דער ירושלים'ער רב געזאגט אז איך זאל ווארטן. און ב"ה דער שידוך איז ארויס מן הכח אל הפועל, און פון 'שווארץ' איז געווארן 'ווייס'...

ג. ביי א צווייטע געלעגנהייט, ווען דער רבי איז געווען אין 'אולם וואגשאהל' אין בני ברק, דער רבי איז אריין אין א זייטיגן צימער, ס'איז געווען א גרויסער ציבור, פלוצלינג האט דער רבי געהייסן יעדער ארויסגיין. יעדער איז ארויסגעגאנגען.

איך בין אויך ארויסגעגאנגען, זאגט מיר דער רבי "דו בלייב דא!" בין איך געבליבן אליין אין צימער מיט נאך איין איד.

זאגט מיר דער רבי "דערצייל פאר דעם איד די מעשה וואס איז געווען פורים ביי משתה היין". עס איז מיר נישט געווען באקוועם צו פארציילן די מעשה בפניו פונעם רבי'ן, אבער דער רבי האט געהייסן האב איך פארציילט די גאנצע השתלשלות פון די מעשה, ווען איך האב געענדיגט דערציילן די מעשה האט מיר דער רבי געזאגט "דו קענסט גיין"...

פון דעם האב איך פארשטאנען אז ס'איז דעם רבי'נ'ס רצון איך זאל פארציילן די מעשה לרבים. (לע"נ הרה"ק **רבי חיים זיינוויל ב"ר משה ז"ל מריבניצא**, היארצייט אסרו חג כ"ד תשרי).

---

ח' מב) עס דערציילט אונזער יידע

**הרה"ח ר' מנחם בראדי הי"ו**

---

## מקוה ישראל ה'

עס איז געווען ווען מיר האבן געלערנט אין די סאטמארע ישיבה אין סענדז סט. האבן מיר אפגעשמועסט א גרופע בחורים אז מיר וועלן זיך אריבערכאפן צום **ריבניצער רבי'ן** ז"ל, און מיטהאלטן זיין עבודת הקוש.

מיר זענען אנגעקומען שפעט ביינאכט, דער רבי האט נאך געהאלטן פאר מעריב, אריינקומענדיג האט ער געפרעגט יעדן בחור עקסטער **"ביסט געווען אין וואסער?!"** (אין מקוה).

דערויף האט ער געהייסן די בחורים צו מאכן אן 'עגולה', דאס הייסט אז מ'זאל זיך אויסשטעלן אין א רינג, יעדער זאל ארויפלייגן די האנט אויפן חבר'ס פלייצע, ער איז געשטאנען אינמיטן, און ער האט ארויפגעלייגט איין האנט אויף די נאז, און ער האט זיך אראפגעבויגן ווי איינער וואס טובל'ט זיך, און ער האט געזאגט עטליכע מאל **'מקוה ישראל ה'**, **'מקוה ישראל ה'**, **'מקוה ישראל ה'**, און דערויף איז מען געגאנגען דאווענען מעריב.

דערויף האט ער געזאגט **"א מנין אידן, האבן א כח צו מטהר זיין ווי א מקוה"**...

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **845-783-0735/Tellerkj@gmail.com**